בס"ד

לך לך תשפ"ו

גליון 257

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואס דאַ האָט זיך גיטאָן (שיהר"ן ר"ט)

דער ריינער קוואל

## א מאס פון התחזקות

אין די פּרשה ווערט דערציילט אויף אונזער היילינגער זיידע אַברהם אָבינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פאַרציילן אוּנְז אַז בֶּן שָׁלֹשׁ שָׁנִים הִכִּיר אֶת בּוֹרְאוֹ, בַּיי דְרֵיי יָאר אַלְט האָט שׁוין אַבְרָהָם זיך דערוואוּסְט אַז עֶס איז דָא אַ בּאַשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וועלְט.

ווי אַזוֹי זענען די אָבוֹת געוואָרן די אָבוֹת? זיי האָבְּן נִישְׁט געהאַט אַ יֵצֶר הָרָע? זיי האָבְּן נִישְׁט גֶעהאַט קיין נִסְיוֹנוֹת?

עֶס איז דָא שַׁיינֶע סֵפֶר פוּן ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן'ס וָואס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "כּוֹכְבֵי אוֹר", דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק רוּפְט זיך "אַנְשֵׁי מוֹהֲרַ"ן" דָארְט איז דָא צְוֵויי שַׁיינֶע שְׁמוּעֶסְן פוּן ר' נָתָן, אֵיינֶע פוּן דִי שִׂיחוֹת שְׁרַייבְּט עֶר דָארְט אַז רַבִּי נָתָן האָט אַמָאל גֶעשְׁמוּעֶסְט וֶועגְן דִי פְּלַאקֶערְדִיגֶע הארְץ פוּן אַבְרָהָם אָבִינוּ, וָואס עֶר איז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס האָט גֶעדִינְט דֶעם בּאַשֶׁעפֶּער טָאג אוּן נַאכְט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ, אוּן מְגַלֶּה גֶעוֶוען אוּן מְפַרְסֵם גֶעוֶוען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן'ס נָאמֶען אוֹיף דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אִינְמִיטְן שְׁמוּעֶס האָט אֵיינֶער גֶעגֶעבְּן אַ קְרֶעכְצְט פוּן טִיפְן הארְץ אוּן זיך אָנְגֶערוּפְן צוּ רַבִּי נָתָן: ווי נֶעמְט מֶען אַ הַארְץ אַזוֹי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ? הָאט אִים רַבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט "דוּ הָאסְט אוֹיךְ אַן הַארְץ נָאר דִי בַּאהַארְצְ'ט עֶס נִישְׁט" דָאס מֵיינְט אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אַן הַארְץ אַזוֹי ווי אַבְרָהָם אָבִינוּ, דָאס הֵייסְט עֶר הָאט אַ פִּינְטֶעלֶע פוּן

קְדוּשָׁה אוּן אֱמוּנָה טִיף טִיף אִין הַארְץ, נָאר מֶען דַארְף דָאס בַּאהַארְצ'ן, מִיט וֶוערְטֶער פוּן תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה וְכוּ', וַוייל סְ'אִיז דָא אַ בְּחִירָה צוּ בּוֹחֵר זַיין וָואס מֶען ווִיל, אוּן אֲפִילוּ דֶער עֶרְגְסְטֶער אִיד קֶען צוּקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי ווי עֶס שְׁטֵייט אִין סֵפֶר תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ אַז יֶעדֶער אִיד דַארְף זָאגְן מָתַי יַגִּיעוּ מַעֲשַׂי לְמַעֲשֵׂה אֲבוֹתַי, וֶוען




דער מנגן וואס איז קיין בלינדער נישט געווען (לייענט אויף זייט 3)

ווָעל אִיךְ צוּקוּמֶען צוּ דִי מַדְרֵיגוֹת פוּן דִי אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים. אִין אַהֲבַת הַשֵּׁם, אֱמוּנָה, יִרְאָה, מְסִירוּת נֶפֶשׁ, תְּמִימוּת, לֶערְנֶען מִיט חֵשֶׁק, שִׂמְחַת הַמִּצְוֹת און אַזוֹי וַוייטֶער.

אַבְרָהָם אָבִינוּ הָאט גֶעהַאט שְׁוֶוערֶע און בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת, יֶעדֶע הֵיילִיגֶע זַאךְ אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, נָאר דִי סוֹד פוּן דִי אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אַז זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אִין זֵייעֶר שְׁוֶועריקַייטְן אָן אַ שִׁיעוּר מָאל. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט (תּוֹרָה מ"ח חֵלֶק ב') אַז אוֹיף אַלֶע צַדִּיקִים אִיז אַרִיבֶּער שְׁוֶוערֶע צַייטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ פַארְבַּאהַלְטְן פוּן זֵיי און הָאט זִיךְ נִישְׁט בַּאווִיזְן פַאר זֵיי נָאר נָאךְ אַסַאךְ יָארְן ווָאס זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיט תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין דִי ווָאכֶעדִיגֶע הַפְטָרָה " וַיְחַזֵּק חָרָשׁ אֶת צֹרֵף" (יְשַׁעְיָה פֶּרֶק מא) אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעקוּמֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן בַּיי שֵׁם דֶער זוּן פוּן נֹחַ.

אַמָאל הָאט זִיךְ רַבִּי נָתָן אָנְגֶערוּפְן: פַארְווָאס אִיז מֹשֶׁה רַבֵּינוּ גֶעווֶען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ וְכוּ'? און פַארְווָאס זֶענֶען אַלֶע צַדִּיקִים אָנְגֶעקוּמֶען ווִי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען? און פַארְווָאס אִיז דֶער רֶבִּי אָנְגֶעקוּמֶען ווִי עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען? ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא מָאס הִתְחַזְּקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אַלֶע אִידְן זָאלְן גֵיין בְּדַרְכֵי אֲבוֹתֵינוּ בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת, אַזוֹי ווִי דֶער זֹהַר שְׁרַייבְּט אַז אֲפִילוּ עֶס אִיז דָא אֵיין פְּלַאץ אָדֶער אֵיין חֲבוּרָה ווָאס מֶען טוּט תְּשׁוּבָה ווֶעט בַּאלְד קוּמֶען דֶער גוֹאֵל צֶדֶק בב"א.

המשך פון זייט 16

# לֶעבְּן ווִי אַ תָּם

מֶענְטְשׁ זוּכְט דָא אוֹיף דֶער ווֶעלְט; פְרֵייד און גְלִיק!

אַ גְרוֹיסֶע און הוֹיכֶע חֲשִׁיבוּת הָאט גֶעהַאט בַּיים רֶבִּי'ן צוּ זַיין אַ "תָּמִים", ווָאס דָאס אִיז 'דָאס עִיקָר פוּן אִידִישְׁקַייט' - אַזוֹיווִי עֶר הָאט גֶעזָאגְט, "דָאס עִיקָר פוּן אִידִישְׁקַייט אִיז צוּ גֵיין נָאר מִיט תְּמִימוּת און פַּשְׁטוּת, אָן קֵיין שׁוּם חָכְמוֹת". (לִיקוּטֵי מוהר"ן תנינא י"ב)

לוֹיטְן בְּלִיק פוּן דִי ווֶעלְט, אִיז צוּ זַיין אַ תָּמִים נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסֶע מַעְלָה... "בַּיי דֶער ווֶעלְט, אִיז עֶר גֶעווֶען צוּ שְׁפָּאט, און זֵיי הָאבְּן דֶערגְרֵייכְט זֵייעֶר תַּאֲוָה דוּרךְ אִים, ווַייל זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן אֵיינֶעם פוּן ווֶעמֶען צוּ שְׁפֶּעטְן ווִיפִיל זֵיי ווִילְן, ווַייל עֶר הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט ווִי מְשׁוּגֶע"...

ווֶעגְן דֶעם אִיז ווִיכְטִיג צוּ לֶערְנֶען דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, כְּדֵי צוּ בַּאקוּמֶען זַיין הֵיילִיגֶע דַעַת, ווָאס אִיז פּוּנְקְט דִי פַארְקֶערְטֶע פוּן דִי פַארְקְרוּמְטֶע און טוּנְקֶעלֶע דֵּעַת פוּן דֶעם חָכָם, ווָאס אִיז אַרַיינְגֶעפַאלְן און פַארְנַארְט גֶעווָארְן אוֹיף זַיין שְׁלֶעכְטֶע ווֶעג, צוּם שְׁאוֹל תַּחְתִּית. פִילֶע לְשׁוֹנוֹת גֶעפִינֶען מִיר אִין דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אִיבֶּער דִי מַעְלָה פוּן תְּמִימוּת, און עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז "דָאס עִיקָר אִידִישְׁקַייט" און "דֶער תַּכְלִית" און "שְׁלֵימוּת". (ליקוטי מוהר"ן תנינא י"ט) "וואויל אִיז צוּ דֶעם ווָאס אִיז זוֹכֶה צוּ גֵיין בִּתְמִימוּת" (חיי מוהר"ן ת"ז) און אִיז זוֹכֶה אַוֶועקְצוּוַוארְפְן זַיין אֵייגֶענֶע שֵׂכֶל און חָכְמָה, און עֶר אִיז מְבַטֵּל זַיין דַעַת צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק. וואויל אִיז צוּ אִים, און וואויל אִיז זַיין חֵלֶק.

אִין דִי קוּמֶענְדִיגֶע ווָאכְן, ווֶעט גֶעעֶפְנְט ווֶערְן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַ פֶענְסְטֶערְל צוּם ווֶעלְטְל פוּן 'יַעֲקֹב דֶער תָּמִים' און 'שָׁאוּל דֶער חָכָם', ווִיאַזוֹי זֵייעֶר דְרַאמַאטִישֶׁע לֶעבְּן זֶענֶען גֶעווֶען גֶעפְלַאכְטְן מִיט תְּמִימוּת'דִיגֶע און אִיבֶּערְגֶעקְלוּגְטֶע אִיבֶּערְלֶעבֶּענִישְׁן...

# דער מנגן וואס איז קיין בלינדער נישט געווען



הרב החסיד רבי **פסח** בהרה"ח רבי נחמן שלמה יצחק **שפירא** זצ"ל, וועלכער איז אוועקגעטמען געווארן לבית עולמו בשנת ח"ן לחייו.

דער חסיד וועלכער האט זיך פארשפארט אין שטוב אין עוסק געווען אין תורה און תפלה, א שטיק לעבן פון אמונה אין א ריינע יראה, אויסגעשניצט מיט אהבת השם און זיך אנלאנען און פארלאזן אויפן צדיק, אויף גאר א דערהויבענעם פארנעם, א גאנג אין עבודת השם ווי די חסידים פון דורות צוריק. אנשי אמונה אבדו, ער איז געדופן געווארן דורך אסאך פון אונזערע לייט מיטן צונאמען "דער מנגן וואס איז קיין בלינדער נישט געווען".

*אין צייטן פון בעל שם טוב ז"ל איז געווען א מנגן וועלבער איז געווען בלינד און פלעגט שפילן אויף חתונות פאר פרנסה. נאך זיין פטירה האט מען זיך דערוואוסט אז ער איז גאר קיין בלינדער נישט געווען, ער האט פארמאגט גוטע געזונטע אויגן, נאר נישט וועלנדיג קוקן אויף פרעמדע ווייבער האט ער דורכאויס זיין לעבן זיך געמאכט ווי בלינד און דער עולם האט אים געהאלטן פאר א בלינדער! (כוכבי אור).*

עס איז זייער שווער אויסצומאלן אויף פאפיר דאס לעבן פון דעם וואונדער איד, א לעבן וואס איז געווען איין שטיק אמונה און דבקות, א איד וואס האט מצליח געווען צו באהאלטן זיך און זיינע עבודות צום באשעפער פון אלע זיינע ארומיגע. אנגעיאוגט האט ער, צו לעבן א פולע לעבן פון תורה מיט יראת שמים, אבער אביסעלע ברעקלעך וואס איז אונז באוואוסט פון זיינע לעבטיגע מעשים וועלן מיר פרובירן ארויסצוברענגען אויפן בלאט, אנרירן אויפן שפיץ גאפל למען ידעו דור אחרון וואס מען קען זוכה זיין ווען מען האלט זיך אין דעם גרויסן רבי'ן.

## תולדות חייו:

רבי פסח איז געבוירן געווארן אין ירושלים ל' ניסן תשכ"ז, צו זיין פאטער הרה"ח ר' נחמן שלמה יצחק שפירא בנו בכורו פון רבי שמואל שפירא זצ"ל, אין זיינע קינדער יארן האט ער געלערנט אין ת"ת תורה ויראה, שפעטער איז ער אריבער קיין ישיבת ברסלב בני ברק אונטער די פירדערשאפט פון הרב ר' שמעון בערגשטיין זצ"ל און דאן איז ער געפארן קיין ברוקלין צו לערנען אין ישיבת היכל הקודש וואו ער האט באקומען א ברען לעבודת השם.

פון זיינע אינגע יארן פלעגט ער זיך דרייען און ווארימען אונטערן שאטן פון זיין הייליגן זיידן רבי שמואל שפירא זצ"ל. יעדן חודש אלול פלעגט רבי שמואל נעמען זיינע אייניקלעך קיין מירון וועלבע

איז אין יענע יארן געווען א קליין וויסטן דערפל אפגעהאקט פון אלע הבלי עולם הזה דארט פלעגט רבי שמואל ווילן ביז מוצאי יום כיפור. רבי שמואל פלעגט בעטן דעם אייניקל ר׳ פסח ער זאל אנפירן א סדר לימוד פאר אלע קינדער פון מירון און פארמירן א ׳חברה׳, וואו ער פלעגט פון זיין טאש צאלן אייצונקויפן נאשעריייען פאר די קינדער, אזוי אויך פלעגט רבי שמואל שמועסן מיט אים אין עבודת השם און איבער די עצות און תורות פון הייליגן רבי׳ן הנחל נובע מקור חכמה.

ווען עס איז געקומען די יארן צו חתונה האבן איז ער געאנגען צו דער חופה מיט חשוב׳ע רעביצין די טאכטער פון ר׳ משה אליאס פון שטאט בני ברק, וואו ער איז אריבער דארט וואוינען נאנט צום שטוב פון זיין שווער.

אלס אינגערמאן האט ער פאר פרנסה געדינט אלס קעבער אין א ישיבה, שפעטער פאבריצירט מעבל, און צום סוף איז ער געווארן א מוזיקאנט וועלכער שפילט אויף חתונות. ער האט געהאט אין דעם ארבעט הצלחה און מען האט אים שטארק געזוכט. נאך ווען עס איז געבוירן געווארן צו ר׳ פסח א זון און א טאכטער האט זיך ביים אים איין טאג ערוועקט א שטארקע התעוררות. ער האט געטראכט צו זיך, ״ברוך השם, איך האב פרנסה, קינדער, אבער וואס וועט זיין מיט מיין תכלית?״ ווען זיין דריטע טאכטער איז געבוירן געווארן אין יאר תש״ן, האט ער אויפגעהערט שפילן אויף חתונות און איז אריבער צו א פולן טעגליכן סדר פון לערנען תורה און דאווענען, ביז ער האט זוכה געווען צו לערנען און ענדיגן די הייליגע תורה.

ער האט אויך אויסגענוצט זיין מוזיקאלישע טאלאנט פאר די הייליגע הפצה צוועקן. אין יענע ערשטע יארן, האט ער זיך איינגעשאפט רעקארדינג מאשינען און אנגעהויבן צו פראדוצירן טעיפס מיט מעשיות פון צדיקים און ניגונים פון חיזוק, אין אנהויב האט ער עס געמאכט פאר זיינע אייגענע קינדער. שפעטער, זענען מער מענטשן געווארן נאנט געווארן צו די מעשיות און עס איז פארשפרייט געווארן און הונדערטער אידן האבן געהאט גרויס תועלת דערפון.

זיין חשוב׳ער ברודער להבחל״ח, הרה״ח ר׳ נתן שפירא שליט״א פון בני ברק האט ממליץ געווען פאר אסאך צו הערן די טעיפס צו אנפילן די הערצער און מוחות מיט שמחה און התעוררות צום תכלית און התקרבות להצדיק.

אנגעהויבן פון יענעם יאר, האט ער גענומען אויף זיך א שטארקע באשלוס צו פארן קיין אומאן מיט א שאל פארבינדן אויף זיינע אויגן, עס זאל דינען ווי א היטער אויף די טייערע אויגן. ער איז אזוי געפארן פאר איבער דרייסיג יאר, אריינגערעכנט די יארן ווען ער איז באגלייט געווארן דורך זיינע זיבן יונגע קינדער שיחי׳. דאן האט ער ביסלעכוויז




אנגעהויבן פארמיידן סתם שמועסערייען מיט אנדערע און האט זיך אפגעזונדערט אין זיין שטוב, זיך איבערגעגעבן טאג און נאכט צום

עבודת השם, שטיל און באשיידן, ווייט פון די עפנטליכקייט.

## זיין טעגליכע סדר:

ר' פסח האט געגלייבט און זיך פארלאזט מיט'ן גאנצן הארץ אויף אלעס וואס דער רבי האט געזאגט אדער געשריבן. ער פלעגט געווענליך אויפשטיין אנהייב נאכט, פלייסיג לערנען זיינע באשטימטע שיעורים ביז נאנט צום עלות השחר. דאן פלעגט ער גיין אין מקוה, און וויבאלד עס ווערט דערמאנט אין הייליגע ספרים אז ש"י טבילות (דריי הונדערט און צען טבילות) זענען מסוגל פאר יראת שמים, פלעגט ער מאכן ש"י טבילות כמעט יעדן טאג, און אמאל אפילו צוויי מאל ש"י. ווען איינער פון זיינע קינדער האט געדארפט א ישועה, האט ער זיך גע'טובל'ט אין מקוה נאכאמאל ש"י טבילות, און געבעטן דעם באשעפער פאר די ישועה. אמאל פלעגט ער זיך ארויסכאפן זאגנדיג: "איך האב זוכה געווען זיך צו טובל זיין פאר דיר ש"י טבילות, און מתפלל געווען פאר דיין ישועה." אסאך מאל האט מען געזען וואונדערליכע ישועות העכער די טבע.

נאכן מקוה, האט ער געדאווענט שחרית מיט גרויס התלהבות, ווארט ביי ווארט, מיט כוונה, און צוריקגעקומען אהיים. דאן האט ער געגעסן זיין פרישטאג און זיך אראפגעלייגט פאר א קורצע רו. וויבאלד ער פלעגט זייער שווער איינגעשלאפן




און האט געליטן דערפון שוין פון זיינע יונגע יארן, פלעגט ער אנרופן "קול הלשון" (טעלעפאן ליניעס פאר תורה שיעורים) און הערן תורה שיעורים.

דערנאך, פלעגט ער אויפשטיין צו לערנען ווייטער תורה און עבודת השם, דאווענען מנחה און מעריב, און דאן כאפן א קורצע שלאף פון צוויי ביז דריי שעה, איידער ער איז צוריקגעקומען צו זיין קומענדיגן סדר אין עבודת השם. טראץ וואס ער האט שטארק געליטן פון שוועריגקייטן אין שלאף און פארשידענע געזונטהייט פראבלעמען, האט מען דאס בכלל נישט געקענט באמערקן. ער האט ווייטער געדינט דעם אויבערשטן מיט געוואלדיגע כוחות, אזוי אויך, אין זיינע שפעטערע יארן, ווען ער האט געליטן פון צוקער, ה' ישמרנו, און אנדערע מחלות, מיט שווערע און שרעקליכע יסורים, האט ער כמעט קיינמאל זיך נישט באקלאגט. אנשטאט דעם, פלעגט ער פארמערן זיינע בקשות און תפילות ביז די ישועה איז געקומען.

עס איז געווען איין פאל ווען ער האט זייער געליטן פאר בערך זעקס חדשים, ביז ער איז אנגעקומען צו א מצב פון סכנת נפשות. ווען מען האט אים אריינגענומען אין שפיטאל, זענען די דאקטוירים געווען איבערראשט פון זיין צושטאנד, וואונדערנדיג זיך ווי אזוי מען קען אזוי ליידן אין שווייגן. די דאקטוירים האבן געזאגט אז זיי וועלן לכאורה דארפן אפשניידן זיין פוס, רחמנא ליצלן. אבער רבי פסח האט געבעטן פון זיינע געטרייע קינדער צו דאווענען פאר אים און



ער האט געשיקט א שליח צו קברי צדיקים. און דורך א וואונדערליכער נס, העכער די טבע, איז ער געראטעוועט געווארן דערפון. (זיין טאג-טעגליכער סדר אין שפיטאל, וואו ער איז געלעגן פאר בערך צוויי חדשים, איז כמעט נישט געווען אנדערש ווי זיין סדר אינדערהיים.) אזוי אויך פילע אנדערע פראבלעמען זענען געקומען אין פלאץ נאר דורך די כח פון תפילה, וואס האט געברענגט א קידוש השם פאר אלע ארומיגע.

## סדר הלימוד:

רבי פסח איז געווען אן אויסערגעוועהנליך מתמיד וועלכער האט אויסגענוצט ריכטיג די צייט, אין זיין ווינקל אין צימער וואו ער האט געלערנט טעגליך ארום צוואנציג ספרים.

נאך אלס אינגער בחור אין ישיבה, האט ער זיך אונטערגענומען די לימודים. און זיך געמוטשעט צו מסיים זיין די אלע לימודים פאר איבער פערציג יאר, ביז זיין פטירה. יעדן חודש האט ער געמאכט א סיום אויף ששה סדרי משנה, ספר ליקוטי מוהר"ן, און ספר ליקוטי תפילות.

אין עטליכע ספרים האט ער סוף פון ספר געמאכט



א טבלה פון 'הונדערט און איין מאל'. יעדעס מאל ווען ער האט געענדיגט, פלעגט ער שרייבן, "ב"ה איך האב זוכה געווען צו מסיים זיין, טבת תשנ"א," "שבט תשס"ה," א.א.וו., ביז ער האט געענדיגט הונדערט און איין חדשים, האט ער אויפגעהערט צו ארייננשרייבן.

ער פלעגט נעמען איין מסכת און עס צוטיילט אויף זיבן חלקים. יעדן טאג פון וואך האט ער געלערנט איין חלק, און יעדן שבת האט ער געמאכט א "סיום מסכת". פאר הונדערט און איין מאל האט ער איבערגע'חזר'ט די זעלבע מסכת, און דערנאך אריבערגעגאנגען צו די קומענדיגע. אויף דעם אופן האט ער אין משך פון דרייסיג יאר, באוויזן צו לערנען כמעט האלב ש"ס הונדערט און איין מאל ווען ער קויפט כסדר ספרים און פירושים אויף ש"ס א.א.וו.

אויסער דעם, האט ער געלערנט א טעגליכן בלאט גמרא בעיון, און א טעגליכע שיעור אין ירושלמי. זיין סדר האט זיך אנגעהויבן מיט זאגן שנים מקרא ואחד תרגום פאר יענעם טאג, מדרש רבה און תנחומא, זוהר און תיקונים, טור און שולחן ערוך, בבלי און ירושלמי און תוספתא, די ספרים פון רבי'ן, תהלים און ליקוטי תפילות, און נאך.

ער האט זייער געבעטן דורך בריוו פון זיינע זין און איידעמער זיך צו שטארקן מיט די לימודים פון שמו"ת, ח"י פרקים משניות און תיקון הכללי יעדן טאג. אבער צו איינעם פון זיינע איידעמער, ווען ער האט געזען אז עס איז אים שווער, האט ער געשריבן און געבעטן ער זאל לערנען, "באטש איין פרק משניות א טאג."

## זיינע השקפות און מאמרים:

ער פלעגט כסדר איבערחזר'ן די ווערטער פון

רבי'ן, "אביסל איז אויך גוט." ס'איז געווען א וואונדער אז טראץ וואס ער האט געהאט א לעבן אנגעפילט מיט אומצאליגע מצוות, פלעגט ער מחזק זיין אנדערע זיך צו פרייען מיט יעדע קליינע פעולה פון קדושה. "דאס איז אן אייביגער געווינס וואס מען קען נישט משער זיין," פלעגט ער זאגן. ר' פסח האט דאס טאקע געשפירט, ער האט דערמיט געלעבט, און ער האט מצליח געווען עס איבערצוגעבן פאר אנדערע.

ער פלעגט רעדן אין שטוב איבער די וויכטיגקייט פון צניעות, ארויסברענגענדיג דעם געוואלדיגן שאדן, סיי אויף דער וועלט און סיי אויף יענער וועלט, ווען מען איז מכשיל אנדערע מיט אומ'צניעות, און פארקערט, פלעגט ער שילדערן דעם גרויסן שכר און נחת רוח וואס ווערט געברענגט פאר'ן הייליגן באשעפער דורך די וואס גייען בצניעות.

די קינדער פלעגן קומען אים פרעגן אויב א מלבוש איז גענוג צניעות'דיג. ער פלעגט פארברענגען שעות צו ערקלערן דעם געוואלדיגן שכר וואס א אידישע פרוי באקומט דורך גיין אנגעטון צניעות'דיג, און גענוצט אלע סארטן וועגן ביז זיינע ווערטער האבן זיך אריינגעזעצט אין זייער הארץ.

ער פלעגט זיך זייער דערווייטערן פון מחלוקת און לשון הרע. ער פלעגט שטענדיג פרעגן, "פארוואס דארפן מיר רעדן שלעכטס אויף אנדערע?" און ער אליין איז געווען א ביישפיל. טראץ זיינע טויזנטער שעות פון שמועסן איבער צדיקים און דברי התעוררות, האט מען קיינמאל נישט געהערט פון אים א שלעכטע ווארט אויף קיינעם. ער האט אויך אויסגעארבעט זיין נאטירליכן מדה צו וועלכער ער האט זייער געצויגן 'נייגעריגקייט', און האט אזוי אויך מחנך געווען זיינע קינדער.

ווען זיין טאכטער און איידעם, וועלכע וואוינען אין אויסלאנד, פלעגן קומען צו גאסט עטליבע מאל א יאר, האט ער שטענדיג געפרעגט, "וואס איז מיט שמירת עינים אויף די וועגן און אין עירפארט? אויב חלילה, מ'ווערט נכשל אין דעם, איז בעסער אינגאנצן נישט צו קומען." ער פלעגט טאקע מסביר זיין פאר זיינע קינדער אז ס'איז כדאי אפילו צו פארמיידן נסיעות אינדרויסן פון שטאט אויב ס'איז דא א חשש פון נישט קענען היטן די אויגן.

ער האט געהאט אן אומבאשרייבליכע הנאה פון


בכ"ט יום ראשון בלילה הרבה צדיקים
שע"פ. ובעזה"י ובהתקרבות וביקור לרבינו
הקדוש, מתארגנים ומזדרזים ומתכוננים
בעזה"י לצאת לדרך הקדושה והנוראה
שרבינו הקדוש בעצמו הלך ואיחל לעצמו
שיזכה לראות ולהרגיש את אור קהירות הדרך
שנעשה ונוצר מכל רגע ורגע. מכל הסיעה
והסיעה מהדרך שלנו לכה"ק שלו, ובוודאי וברור
שמכל טירחה ומאמץ וכל קושי והקרבה
תמצא הכלה של רבינו הק' נעשה יחד שנעשה
דברים כאלו רמים וגבוהים. תיקונים
והמתקות וכפרות עוונות באופן נעלה
ונשגב לגמרי משכלינו ודעתינו
והרגשותינו וכו' וכו'. פשוט אין פה
בעולם הזה כלים במובנים ותיאורים. וכו'


לאיזה ענין ואיזה עסקה ענקית אנחנו
מתחברים פה. מהרגע הראשון של כל טרחה
והתארגנות וכו' וכו' ועד הרגע שנכנסים
בחצר לבית שלנו. אין פה שום מושג של
הפסד. נזק. נאבד, נלקח, נגנב וכו' וכו' ---
הכל קבלה מכל כל רק כולו כולו רק ואך
רווח גדול מאד מאד. שאין לתאר. ואין
לשער פה בעולם הזה במונחים ומושגים
גשמיים בכלל הכלל.

יעדע איינציגע מצוה. מ'קען נישט ארויסברענגען מיט ווערטער ווי שטארק ער האט זיך געפרייט מיט יעדע מצוה; ער האט ארייננעלייגט זיין גאנצע כח און לעבן אין יעדע מצוה. זיינע קינדער האבן געוואוסט אז אויב זיי ווילן אים פריילך מאכן, וועלן זיי טראגן אויף זיך א גרויסע ציצית, קאפל.

די הכנות פאר יעדן שבת, און די הכנות פאר פסח, סוכות זענען געטון געווארן מיט אן אומגעהויערע שמחה. ער האט זיך געשפירט ווי דער רייכסטער מענטש אויף דער וועלט, און זיינע קינדער האבן מיטגעלעבט די געוואלדיגע התרגשות ביים צוגרייטן און מקיים זיין יעדע מצוה. ווי טאנצן מיט די תפילין א.א.וו. ער האט אפילו פארפאסט א ניגון: ״פאר איין מאל זיך אייטוויקלען אין א טלית, איז אלעס ווערד געווען, געדענק דעם תכלית.״

ער איז געווען איין שטיק תפילה. זיין הארציגע דאווענען און פעסטע שטארקע אמונה אין כח התפלה. ער האט זיך אויסגעשטעלט ספעציעלע, קביעות'דיגע תפילות צו זאגן אויפן וועג צום מקוה, און ביים צוריקקומען פון שול, א.א.וו. איינמאל האט ער אנגעוויזן פאר זיין טאכטער אויף א געוויסן וועג און איר געזאגט, ״אויף דעם וועג בין איך מתפלל פאר דיר און דיין מאן.״ במשך דעם טאג האט ער מתפלל געווען אן א שיעור תפילות; זיין גאנצע מהות איז געווען תפילה.

ער איז געווען זייער פארזיכטיג צו פרעגן א רב יעדע שאלה, אפילו פשוט'ע שאלות. ער האט געוואלט וויסן די הלכה מיט הונדערט פראצענט קלארקייט און אסאך מאל האט ער געבעטן צוריקצורופן דעם רב נאכאמאל צו פארזיכערן אז ער האט פארשטאנען די הוראה מיט א קלארקייט.

## פארבארגענע מעשים:

רבי פסח איז געווען א מומחה אין באהאלטן זיינע מעשים, וואס ער האט געטון מיט א געוואלדיגע מסירת נפש און אן א שיעור אהבת ישראל. ער האט אלעס געטון מיט א באשיידענע חן. ווען זיינע משפחה מיטגלידער האבן באמערקט, פלעגט ער זאגן מיט א שמייכל, ״די סודות וועל איך מיטנעמען מיט מיר אין קבר.״

**ביי די שבעה ווען אסאך אידן האבן באזוכט זיין שבת צימער וואס מען קען אנרופן זיין עלמא דאתי׳ צימער, אזאנס וואס מען קען כמעט נישט געפונען אויפן כדור העולם, מען קען קוים זען די ווענט פון די צימער ווערלכע קאליר עס איז געפארבט ווייל אלע ווענט זענען באצירט מיט שילדן, טאוולען, אויסגעשניצטע בילדער, אלע סארטן דיבורים פון ״א הערליכע עלעקטרישע גרויסע שילד וואס ברענגט ארויס די זעקס טעג פון דער וואך, ׳ביז בא שבת בא מנוחה׳״ די אנדערע זייט אזא גרויסע שילד וואס דערמאנט אז דער אויבערשטער איז ׳ממלא כל עלמין וסובב כל עלמין׳, אויף יעדן ווינקל א דערמאנונג צו זיין פריילך מיט יעדע נקודה טובה און אז דער אויבערשטער איז ממש דא!**

טראץ זיין אפגעזונדערקייט פון מענטשן איז געווען אויסנאמס ווען ער האט יא גערעדט צו מענטשן, צום ביישפיל אויפ'ן וועג קיין אומאן, אדער אין בעלארוס די קערעאנע יאר, אדער ווען מענטשן זענען געקומען זוכן חיזוק, האט ער גערעדט מיט זיי פאר א לענגערע שעות, געבנדיג זיי די ריכטיגע התחזקות.

ער פלעגט אליין ארויסגיין ביינאכט אויף הפצה,




ארײנלײגנדיג גליונות פון חיזוק אין פאסט-קעסטלעך. אײנוואוינער פון בני ברק וואלטן קײנמאל נישט געקענט זיך פארשטעלן אז דער פלײסיגער חסיד, דער בעל יסורים, איז דער וואס פארטײלט די בלעטלעך. אזוי האט ער זיך געפירט ביז נאנט צו זײן לעצטן טאג, שטענדיג מיט אהבה צו אן אנדערן איד.

ער האט אויך געהאט אזא מנהג צו שיקן צו צענדליגער מענטשן דורך בריוו אן א נאמען, פול מיט חיזוק ווערטער. עס איז שטוינענד צו טראכטן ווי אזוי א מענטש וואס לעבט באשײדן אין זײן הײם, במעט אן קאנטאקט מיט קײנעם, זאל זײן פארנומען צו שיקן חיזוק צו צענדליגער אידן, אפשר אפילו הונדערטער.

אײנמאל ווען א ברסלב'ער חסיד איז אומוויסנדיג ארײנגעדרײט געווארן אין צרות און מ'האט אים ארעסטירט, האט רבי פסח געזארגט אים צושיקן צוגעגרײטע טעיפס פול מיט דברי חיזוק. ער האט אויך מחזק געווען מענטשן וואס האבן געדארפט ישועות. ווען אײנער פון די גרויסע משפיעים אין דער וועלט פון בעלי תשובה, וואס האט געוואוינט אין זײן געגנט, האט ארויסגעברענגט אז ער פארשטײט נישט די חשיבות פון ברסלב, האט רבי פסח אים געשיקט בריוו וואס ערקלערן דעם נושא פון ברסלב, צוזאמען מיט ספרים פון הײליגן רבי'ן. עס האט טאקע נישט געשפעטיגט, און

די רעזולטאטן האבן משפיע געווען אויף אסאך מענטשן.

ווען רבי פסח האט באמערקט א פראדוקט מיט אומפאסיגע בילדער, האט ער באשטעלט פעקלעך פון סטיקערס (קלעפּערס) פון א דרוקעריי און געזארגט מען זאל דאס נעמען צו די געשעפטן צו פארדעקן די בילדער, אלץ איז געטון געווארן באשיידן שטילערהייט, צו טון גוטס פאר אנדערע און מזכה זיין דעם רבים.

## מחנך זיין די קינדער:

ר' פסח האט שטענדיג אריינגעברענגט א פרייליכע אטמאספער אין שטוב. אפילו אין די צייטן נאך פאר די בלוטוס און מוזיק-שפילער זענען געווען פארשפרייט, האט ער אריינגעבויט ספיקערס אין יעדן צימער אז מ'זאל קענען הערן קאסעטעס מיט פרייליכע מוזיק.

ער איז געווען זייער געווארנט אז מ'זאל מאכן ברכות מיט כוונה און ענטפערן אמן ווי מען דארף. אין יעדן ווינקל פון שטוב האט ער אויפגעהאנגען ברכות-טאוולען וואס ער האט אליין געמאכט, אויך די ברכה פון "על המחיה" מיט גרויסע אותיות, צוגעוואוינענדיג די קינדער צו זאגן די ברכות פאמעליך און הויך.

פון קליינווייז אן האט ער אויסגעלערנט די קינדער זיך צו פרייען מיט'ן אייבערשטן און אים דאנקען פאר אלעס. זיי אויסגעלערנט אז מ'דארף אליין בעטן פונעם אייבערשטן אלעס וואס מ'דארף, האט ער פארפאסט א פערזענליכע תפילה פאר יעדן קינד וואס זיי האבן געזאגט יעדן טאג נאכ'ן קריאת שמע שעל המטה, וואס זיי האבן גערופן "די בקשות". ער האט אויך אסאך אינוועסטירט אין מחנך זיין די קינדער און אריינברענגען אין זיי א ליבשאפט צו תורה דורך פארשידענע מיטלען, ווי צ.ב. קויפן פאר יעדן קינד ספרים און אריינשרייבן א פערזענליכע ווינטש, אדער געבן קארטלעך און



בס"ד כחמש לפנות בוקר יום שני ערב סוכות תשע"ו
לר' ... נ"י
כנראה שזה כבר יהיה פתק אחרון עד אחרי סוכות, הכ"ד בחול המועד לא כותבים... ב"ה
ב"ה שמעתי שיוסלה נ"י אוהב מאוד את השירים של הדיסק החדש איך פאר צום רעבן, והוא מנסה לומר רבה רבה... כל כך נהניתי מזה ב"ה. היה לי ממש נחת
בכלל אני רוצה שתדעו שאני ממש שמח ומאושר ומודה לה' שהרבה ר' זכה להיות הרי"ה באומן עם כל כך הרבה סבל וטלטולי דרכים וכו'
אני אישית מרגיש בזה זכות גדולה מאוד ואני מאוד מאוד מעריך אותך ומתפעל ממך איך שאתה זוכה להחזיק מעמד כל כך נפלא ב"ה
אני גם מאושר ומלא חיות שיש לך זקן ופאות כיפה גדולה וצלם אלוקים יהודי אמיתי עם כל הלבוש החסידי ב"ה, זה לא דבר אוטומט ומובן מאליו בדור ירוד ושפל כזה אשריך. אני מחזיק ממך מאוד ויש לי נחת רוח גדול ממכם ומכל השקפתכם והתחזקותכם, ושאתה לא מחזיק ב"ה כלים ומכשירים מכשולים ונוראים ב"ה, ושיש לכם אין אלע וועלטן ב"ה. וגם ילדים טובים כאלו שזוכים לקבל חינוך הכי מעולה, ובדוגמא אישית הכי טובה ושתבח שמו שזכינו לכל אלה בחסד ובמתנת חנם מהשם יתברך שמו לנצח ---
אני רוצה לאחל לכם אגעשמאקן פריילאכן סוכות. שיהיה יו"ט ושמחה בלב ושלום בנפש, ושלום בית בבית, והרבה כסף בכיס וקריאות בכל הצלה אמן כן יהי רצון. בהערכה

מתנות פאר'ן לערנען און זאגן תהילים.

ער האט אריינגעלייגט זיין גאנצע הארץ אין דערציילן מעשיות פון צדיקים און רעדן אמונה ביי יעדע געלעגנהייט. די שבת סעודות פלעגן זיך ציען עטליכע שעה, און ס'איז געווען א וואונדער ווי ער האט אלץ געטראפן הונדערטער נייע און אינטערעסאנטע מעשיות, אריינלייגנדיג אומגעהויערע כוחות מיט די האפענונג אז עס וועט ברענגען א רוחניות'דיגע תועלת פאר די קינדער.

כאטש ער האט זייער ווייניג גערעדט אינדרויסן פון שטוב, אבער אין שטוב איז געווען פונקט פארקערט. ער האט אריינגעצויגן די בני בית אין שמועסן איבער אמונה און אהבת השם. "כאפ אריין א התבודדות, ווארף אריין א תפילה, עס וועט דיר צוניץ קומען," פלעגט ער שטענדיג זאגן פאר זיינע קינדער. און ער אליין פלעגט אסאך דאווענען און זיך מתבודד זיין פאר זיינע קינדער און אלע זיינע דורות.

ער פלעגט מיט אינטערעסאנטע וועגן פארבינדן די הערצער פון זיינע קינדער צו באקומען א ליבשאפט צו תורה און קדושה. איין יאר, האט ער געשריבן א דעטאלירטער טאגבוך פאר זיינע קינדער איבער די גאנצע נסיעה קיין אומאן אויף ראש השנה, אויף אן אינטערעסאנטן צוציענדן אופן.

אויב ער האט געטראפן א גליון מיט א שיינעם ווארט אדער מעסעדזש, אדער א בילד וואס האט ארויסגעברענגט יראת שמים, האט ער עס אויפגעהאנגען אויף א אנזעענדע ארט אין שטוב.

## אומאן ראש השנה:

מיט א שטארקע און אמת'ע אמונה אין יעדן ווארט פון הייליגן רבי'ן, איז דער ענין פון אומאן אויף ראש השנה געווען שטענדיג אויפן טיש. יעדן חודש האט ער קודם אוועקגעלייגט געלט פאר די נסיעה קיין אומאן. יעדן שבת, פאר קידוש, פלעגט ער רעדן צו די קינדער וועגן די גרויסקייט דערפון, ספעציעל ביי סעודה שלישית האט ער געהאט באזונדערע ניגונים איבער דעם רבי'נס ראש השנה. ער האט אויך געבעטן מ'זאל אויסקריצן אויף זיין בעבער די ווערטער "גאר מיין זאך איז ראש השנה". ער האט מחבר געווען גאר אסאך ניגונים, אריינצוברענגען אין די קינדער די גרויסע זכי' פון זיין ביים הייליגן קיבוץ אין אומאן אויף ראש השנה.

ער איז געווען אויסערגעווענליך אין מקיים זיין די מצוה פון כיבוד אב ואם מיט ספעציעלע איבערגעגעבנקייט. ווען זיין מאמע ע"ה האט נאך געלעבט, פלעגט ער איר שיקן ספעציעלע משלוח מנות, וואס ער האט געארבעט אויף דעם פון א חודש פאר פורים. ער פלעגט אויך שרייבן בריוו פאר זיין טאטן ע"ה, ספעציעלע בריוון פאר ראש השנה זיך צו שטארקן מיט די נסיעה קיין אומאן (אלץ אן פארלאזן בני ברק).

אין זיינע שפעטערע יארן, טראץ אלע זיינע געזונטהייט שוועריקייטן, האט ער זיך מוסר נפש געווען מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. און געפארן קיין אומאן, צומאל פאר עטליכע וואכן, כדי צו זוכה זיין צו זיין ביים רבי'ן אויף ראש השנה. טאקע, ר' פסח, וואס זיין גאנצער לעבן איז געווען איין קייט פון דביקות און אמונה אין הייליגן רבי'ן, איז געבענטשט געווארן אז זיינע לעצטע ווערטער פון זיין לעבן זענען געווען וועגן "אומאן" און "ראש השנה".

ער האט זיך אינגאנצן פארלאזט אויפ'ן רבי'ן, וואס האט געזאגט, "פארלאז זיך אויף מיין כח". אין אלע זיינע תפילות האט ער געענדיגט מיט

"בזכות ובכח פון הייליגן רבי'ן". אין יעדן שמועס האט מען דערקענט אז ר' פסח האט דערגרייכט א שלימות'דיגע אמונה אין רבי'נס כח.

## חסד, סבלנות, וותרנות:

ווען ער האט באמערקט אז איינער פון די קינדער האט נאכגעגעבן אדער זיך איינגעהאלטן פון כעס, פלעגט ער זיי אויסלויבן און שטארק אויסרימען אנטקעגן אלע קינדער. אזוי אויך ביים סדר נאכט האט ער זיך געפירט מיט אזא מנהג: ער פלעגט צוגרייטן א שיסל טשאקאלאדע, און יעדעס מאל ווען זיי האבן זיך געשטארק מיט דעם נסיון פון כעס, פלעגט ער ארויסנעמען א פעקל און געבן פאר'ן קינד וואס האט מצליח געווען זיך צו שטארקן דערויף. אזוי האט ער זיי אויסגעלערנט זיך צו דערווייטערן און איבערקומען דעם נסיון פון כעס.



ר' פסח האט אלע זיינע טעג זיך געגרייט אויפן לעצטן טאג, צו געדענקען דעם עלמא דאתי פאר זיינע אויגן, אויפן דעקל פון זיין ליקוטי מוהר"ן – וואס ער האט געענדיגט הונדערטער מאל בחייו, האט ער אויסגעמאלן א בילד פון א מצבה וואס שטייט ווי פאלגנד: "פ.נ. פסח שפירא, שזכה להיות ראש השנה באומן".

דאס ווארט "אין מלווין לאדם אלא מצוות ומעשים טובים" איז געווען שטענדיג אויף זיינע ליפן, און האט מיט זיין ספעציעלע כשרון דאס ממחיש געווען פאר זיינע קינדער מיט אלע קאלירן אז די וועלט איז נאר א דורכגאנג אויפן וועג צום טרקלין, אין קאך האט ער אויפגעהאנגען א בילד פון אנגעפילטע וועגענער מיט תורה און מעשים טובים אויפן וועג צום בית דין של מעלה, באצירט מיט קאלירטע לעמפלעך וואס ער האט אליין צאמגעשטעלט, ווי אויך צענדליגע ניגונים וואס ער האט ארויסגעגעבן זיך צו גרייטן צום אמת'ן תכלית.

דער ניגון וואס ער האט פארפאסט אין זיינע אינגען יארן, "הער מיין פריינד וואס איך זאג דיר, וועסט נישט בלייבן דא אויף דעם וועלט, עס וועט קומען דער טאג און שעה ווען דו וועסט פארלאזן דעם וועלט, אלע וועלן אהיימגיין און דו וועסט בלייבן אליין" ווען ער ענדיגט צו "נעם דיך אין הענט אריין ווי לאנג דו קענסט, די בחירה ליגט ביי דיר", דאס איז געווארן זייער מפורסם און מעורר געווען גאר אסאך אידישע הערצער.

## רעוא דרעווין

דעם לעצטן שבת קודש פרשת בראשית, איז ער געגאנגען אין מקוה, געדאווענט תפלת שבת און געפראוועט דעם שבת סעודה און דערציילט א סיפור פון א בחור וואס האט זוכה געווען צו תשובה טון און געפארן קיין אומאן אויף ראש השנה. שבת נאכמיטאג האט ער זיך צוגעלייגט אויפן זיין בעט און בעת רעווא דרעווין האט ער צוריקגעקערט זיין הייליגן נשמה און זוכה געווען צו א מיתת נשיקה, דאס וואס ער האט זיך אלע יארן געגרייט האט ער טאקע באקומען.

וואס איז געבליבן פאר אונז איז זיך לערנען פון דעם חסיד אז ס'איז נאך שייך אין יאר תשפ"ו צו זיין איינגעבאקן ביים רבי'ן און מיט אונזערע כוחות און רצונות טון מיט א שמחה וואס מיר קענען טון יעדער איינער לויט זיין כוחות און מעגליכקייטן וואס דער באשעפער האט אים געשאנקען.

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת




מַעֲשֶׂה: אַמָאל זֶענֶען גֶעוֶוען צְוֵויי ׳בַּעֲלֵי־בָּתִּים׳ אִין אֵיין שְׁטָאט! – אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט ׳גְרוֹיס עֲשִׁירוּת׳! – אוּן הָאבְּן גֶעהַאט ׳גְרוֹיסֶע הַייזֶער׳!

דִי צְוֵויי ׳בַּעֲלֵי־בָּתִּים׳, הָאבְּן גֶעהַאט צְוֵויי זוּהְן, דְהַיְינוּ: אִיטְלֶעכֶער הָאט גֶעהַאט אֵיין זוּהְן!

דִי ׳צְוֵויי קִינְדֶער׳, הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין אֵיין ׳חֵדֶר׳!

אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חָכָם׳, אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ ׳תָּם׳! – (נִישְׁט עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ נַאר, נָאר זַיין שֵׂכֶל אִיז גֶעוֶוען פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּט], אָן חָכְמוֹת).

אוּן דִי ׳צְוֵויי קִינְדֶער׳, הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט! – כָאטְשֶׁע אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ ׳חָכָם׳, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גֶעוֶוען אַ ׳תָּם׳, אוּן זַיין שֵׂכֶל אִיז פְּרָאסְטֶע [פָּשׁוּט] גֶעוֶוען – פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ פָּארְט זֵייעֶר לִיבּ גֶעהַאט!

אִין אַ צַייט אַרוּם, הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי בֵּיידֶע ׳בַּעֲלֵי־בָּתִּים׳, אַרָאפְּצוּגֵיין פוּן זֵייעֶר עֲשִׁירוּת – אוּן זֶענֶען אַלְץ אַרָאפּ מַטָּה מַטָּה, בִּיז זֵיי הָאבְּן גָאר אָנְגֶעווָאוּירְן [אַלֶעס דֶערְלֵייגְט], אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעוָוארְן אָרִימֶעלַייט! – אוּן ס׳אִיז זֵיי מֶער נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן, נָאר זֵייעֶרֶע ׳הַייזֶער׳!

אוּן דִי קִינְדֶער הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אוּנְטֶער־צוּוַואקְסְן – הָאבְּן דִי ׳בַּעֲלֵי־בָּתִּים׳ גֶעזָאגְט צוּ דִי קִינְדֶער: ״מִיר הָאבְּן נִישְׁט צוּ צָאלְן פַאר אַייךְ, מִיר קֶענֶען נִישְׁט הַאלְטְן אַייךְ, טוּט אַייךְ וָואס אִיר וֶועט קֶענֶען״!

אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶער ׳תָּם׳, אוּן הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט ׳שׁוּסְטֶערַיי׳!

דֶער ׳חָכָם׳ אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ (כְּלוֹמַר: אַ קְלוּגֶער אַ פַארְשְׁטַאנְדִיגֶער מֶענְטְשׁ) – הָאט עֶר נִישְׁט גֶעוָואלְט זִיךְ נֶעמֶען, צוּ אַזוֹי אַ [אַזַא] ׳פְּרָאסְטֶע מְלָאכָה׳ – אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: ״עֶר וֶועט זִיךְ לָאזְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן וֶועט זִיךְ אַרוּמְקוּקְן וָואס עֶר זָאל טָאן״! אוּן עֶר אִיז אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִין ׳מַארְק׳!

הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן: אַ ׳גְרוֹיסֶע בְּרִיקֶע׳ [וָואגְן], מִיט ׳פִיר פֶערְד׳, מִיט ׳כָאמִיטֶעס׳, אִיז דוּרְכְגֶעלָאפְן [מִיט סוֹחֲרִים]!

הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ דִי ׳סוֹחֲרִים׳: ״פוּן וַואנֶעט זֶענְט אִיר״?! – הָאבְּן זֵיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״פוּן וַוארְשָׁא״! – ״ווָאוּהִין פָארְט אִיר״?! – ״קַיין וַוארְשָׁא״!

הָאט עֶר זֵיי גֶעפְרֶעגְט: ״טָאמֶער בַּאדַארְפְט אִיר אַ מְשָׁרֵתְ׳ל״?!

דִי ׳סוֹחֲרִים׳ הָאבְּן גֶעזֶעהְן: אַז עֶר אִיז אַ ׳קְלוּגֶער יוּנְג׳ אוּן אַ ׳בְּרְיָה׳! – אִיז עֶר זֵיי גֶעפֶעלְן! – הָאבְּן זֵיי אִים מִיטְגֶענוּמֶען!

אִיז עֶר גֶעפָארְן מִיט זֵיי! – אוּן הָאט זֵיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג זֵייעֶר פַיין!

ווִי עֶר אִיז גֶעקוּמֶען קַיין וַוארְשָׁא – [אִיז] מַחֲמַת [וַוייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ ׳בַּר־הֲבָנָה׳ הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: ״אַז אִיךְ בִּין שׁוֹין אִין ׳וַוארְשָׁא׳, נָאךְ וָואס זָאל אִיךְ מִיךְ הַאלְטְן בַּיי דִי ׳סוֹחֲרִים׳?! – טָאמֶער אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט [פְּלַאץ] פוּן זֵיי – לָאם־אִיךְ [לָאמִיר] גֵיין זוּכְן, וֶועל אִיךְ זֶעהְן״!

און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין 'מַארְק', און עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶערְן און נָאכְצוּפְרֶעגְן אוֹיף דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט?! און אוֹיבּ ס'אִיז דָא אַ בֶּעסֶער אָרְט [פְּלַאץ] פוּן זַיי?!

הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז דִי לַייט (וָואס זַיי הָאבְּן אִים אַהֶער גֶעבְּרַאכְט), זֶענֶען עֶרְלִיכֶע לַייט, און סֶע [ס'אִיז] גוּט בַּיי זַיי צוּ זַיין – נָאר מַחֲמַת [צוּלִיבּ] דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער בַּיי זַיי צוּ זַיין, מַחֲמַת [ווייל] זֵייעֶר 'מַשָּׂא־וּמַתָּן' אִיז זֵייעֶר אִין וַוייטֶע עֶרְטֶער"!

דֶערְוַוייל אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען, און עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן: 'גֶעוֶועלְבּ מְשָׁרְתִים', ווי זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אִין 'מַארְק' – און זַיי זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי־וִוי זֵייעֶר שְׁטֵייגֶער אִיז, מִיט זֵייעֶרֶע 'חֵן', מִיט זֵייעֶרֶע 'הִיטְלֶעךְ', און מִיט דִי 'שְׁפִּיצִיגֶע שִׁיךְ', און מִיט דִי 'אִיבְּרִיגֶע [אַנְדֶערֶע] חֵן' וָואס זַיי הָאבְּן אִין זֵייעֶר גַאנְג, און וִוי זַיי גֵייעֶן אָנְגֶעטָאן!

און עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ 'בַּר־הֲבָנָה', און אַ 'קְלוּגֶער יוּנְג' – אִיז אִים דִי [דָאזִיגֶע] זַאךְ זֵייעֶר גֶעפֶעלְן, מַחֲמַת [ווייל] ס'אִיז אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, און ס'אִיז אִינְדֶערְהֵיים אוֹיף אֵיין אָרְט.

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זַיי הָאבְּן אִים גֶעבְּרַאכְט, און הָאט זַיי אָפְּגֶעדַאנְקְט, און הָאט צוּ זַיי גֶעזָאגְט: "אַז סֶע פַּאר אִים נִישְׁט גוּט בַּיי זַיי צוּ זַיין – און [אוֹיף] דָאס וָואס זַיי הָאבְּן אִים גֶעפִירְט אַהֶער, דֶערְפַאר הָאט עֶר זַיי בַּאדִינְט אוֹיף דֶעם וֶועג"! און עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען, און הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי אַ 'בַּעַל־הַבַּיִת'!

און דֶער סֵדֶר פוּן דִי 'מְשָׁרְתִים' [אִיז]: אַז פְרִיעֶר מוּז מֶען זַיין אַ 'אוּנְטֶער־מְשָׁרֵת', און מֶען מוּז טָאן 'שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט', און מְ'נֶעמְט וֵוייניג 'שְׂכִירוּת' [גֶעצָאלְט] – דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען הֶערְשְׁט אַ 'אוֹיבֶּער־מְשָׁרֵת'!

הָאט דֶער 'בַּעַל־הַבַּיִת' גֶעטָאן מִיט אִים 'שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט' – און פְלֶעגְט אִים שִׁיקְן צוּ 'שְׁרָרוּת' עֶר זָאל טְרָאגְן 'סְחוֹרָה' – אַזוֹי־וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן 'מְשָׁרְתִים', וָואס זַיי טְרָאגְן 'גֶעוַואנְט' אוֹיף דֶעם 'עֶלְנְבּוֹיגְן'!

אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעוֶוען דִי 'אַרְבֶּעט'!

אַמָאל הָאט עֶר בַּאדַארְפְט אַרוֹיפְגֵיין מִיט דֶער 'סְחוֹרָה', אוֹיף אַ 'הוֹיכְן גָארְן' – אִיז דִי 'אַרְבֶּעט' אוֹיף אִים שְׁוֶוער גֶעוֶוען!

הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, וָוארְן [ווייל] עֶר אִיז זִיךְ גֶעוֶוען אַ 'פִילוֹסוֹף' אַ 'בַּר־הֲבָנָה': "וָואס טוֹיג מִיר דִי 'אַרְבֶּעט'?! – דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ [דָאךְ] נָאר פוּן דֶעם 'תַּכְלִית' וֶועגְן, אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען 'חֲתוּנָה' הָאבְּן, און זָאל מִיךְ קֶענֶען 'מְפַרְנֵס' זַיין! – אִיךְ בַּאדַארְף נָאךְ דֶערוֹיף נִישְׁט צוּ קוּקְן, דֶערוֹיף וֶועט צַייט זַיין שְׁפֶּעטֶער! – דֶערְוַוייל, וֶועל אִיךְ מִיר בֶּעסֶער אוֹיס־זַיין אַ וֶועלְט, און וֶועל אָנְקוּקְן 'מְדִינוֹת'"!

אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין 'מַארְק', און הָאט גֶעזֶעהְן ס'פָארְן 'סוֹחֲרִים' אוֹיף אַ 'גְרוֹיסֶער בְּרִיקֶע' [וָואגְן]! הָאט עֶר זַיי גֶעפְרֶעגְט: "וואוּהִין פָארְט אִיר"?! – הָאבְּן זַיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "קֵיין 'לַאגוּרְנָא'"! – הָאט עֶר זַיי גֶעפְרֶעגְט: "וֶועט אִיר מִיךְ נֶעמֶען אַהִין"?! – הָאבְּן זַיי אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "יָא"!

הָאבְּן זַיי אִים גֶענוּמֶען אַהִין! פוּן דָארְט, הָאט עֶר זִיךְ אַוֶועקְגֶעלָאזְט קֵיין 'אִיטַאלְיָא'! פוּן 'אִיטַאלְיָא', הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער אַוֶועקְגֶעלָאזְט קֵיין 'שְׁפַּאנְיָא'!

דֶערְוַוייל זֶענֶען אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען כַּמָּה [אַסַאךְ] יָאהְרֶן – און עֶר אִיז גֶעוָוארְן נָאךְ מֶער 'חָכָם', מַחֲמַת [ווייל] עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין אַסַאךְ 'מְדִינוֹת'!

שם: ____________

# לאמיר זיך פארהערן



## די ניינטע מעשה - דער חכם און דער תם (1)

**א.** וואס איז דער תם געווען?
- ☐ א נאר.
- ☐ ער פארשטייט נישט א ענין.
- ☐ זיין שכל איז געווען פראסט, אן חכמות.

**ב.** דעם חכם מיטן תם האבן זאך ליב געהאט?
- ☐ ניין.
- ☐ זיי האבן זיך זייער ליב געהאט.
- ☐ זיי האבן זיך ליב געהאט.

**ג.** וואס איז געבליבן פונעם גאנצען פארמעגן פון זייערע עלטערן?
- ☐ נאר זייערע הייזער.
- ☐ נאר זייער פערד און וואגן.
- ☐ זיי זענען געבליבן אן גארנישט.

**ד.** פארוואס האט דער חכם נישט געוואלט לערנען שוסטעריי?
- ☐ ווייל עס איז גאר א שווערע ארבעט.
- ☐ ווייל עס איז א פראסטע מלאכה.
- ☐ ווייל מ'מאכט נישט גענוג פרנסה פון שוסטעריי.

**ה.** וואו אהין איז דער חכם געפארן די ערשטע?
- ☐ צו איטליא.
- ☐ צו שפאניא .
- ☐ צו ווארשא.

**ו.** פארוואס איז געפעלן פאר דעם חכם, גֶעוועלְב (סחורה משרתים?
- ☐ ווייל זיי זענען געגאנגען מיט זייערע חן, און עס איז א שיינע זאך.
- ☐ עס איז אין דער היים, אויף איין ארט.
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג.

**ז.** עס איז געווען שווער פארן חכם די ארבעט?
- ☐ נאכן ארבעטן א פאר שעה איז אים געווארן שווער.
- ☐ ניין.
- ☐ יא.

**ח.** אוואו איז געפארן דער חכם נאכדעם?
- ☐ צו איטליא, און פון דארט צו שפאניא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו שפאניא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו לאגורנא.
- ☐ צו לאגורנא, און פון דארט צו איטליא און פון דארט צו שפאניא.

**ט.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ א חלק

**אוּן עֶר אִיז פוּל גִיוֶוען מִיט שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד אוּן לוּסְטִיק תָּמִיד**



## טיפער געטראכט

**אין וועלכע מדינות איז דער חכם געווען?**

## תשובות אויף מעשה ח׳ דער רב און דער בן יחיד

**וואו זעט מען ביי די מעשה אז** - לָדוּר בַּעֲלִיָּה הוּא טוֹב יוֹתֵר לַעֲבוֹדוֹת הַבּוֹרֵא מִלָּדוּר בְּבַיִת תַּחְתּוֹן.(המידות, בית) ?

דֶער בֶּן יָחִיד פְלֶעגְט צוּ זִיצְין אוּיף אֵיין אִיבֶּער שְׁטִיבְּל אוּן הָאט גִילֶערְנְט ...

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 72-3333-5-02 646-585-3040**

# לֶעבְּן וִוי אַ תָּם

מִיר לָאזְן זִיךְ אַרוֹיס דִי וָואךְ אוֹיף אַ לַאנְגֶע רַייזֶע, מִיטְן בַּאקַאנְטְן מַעֲשֶׂה פוּן 'דֶער חָכָם אוּן דֶער תָּם'. דִי מַעֲשֶׂה אִיז בַּאקַאנְט אִין דֶער גַאנְצֶע וֶועלְט. דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אוֹיס דֶערְמִיט וִוי מֶען דַארְף זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְן פוּן חָכְמוֹת, אוּן דִי גְרוֹיסֶע מַעֲלָה פוּן וֶוער עֶס גֵייט אוּן פִירְט זִיךְ אִין אַלֶע זַיינֶע וֶועגְן נָאר בִּתְמִימוּת.

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט אִיבֶּער צְוֵויי קִינְדֶער וָואס אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ חָכָם אוּן אֵיינֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תָּם. "אוּן בֵּיידֶע הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אִין דֶעם זֶעלְבְּן חֵדֶר". דָאס הֵייסְט אַז בֵּיידֶע - סַיי דֶער חָכָם אוּן סַיי דֶער תָּם הָאבְּן זִיךְ גֶעפוּנֶען אוֹיפְן זֶעלְבְּן אָרְט. וואו? בַּיי אוּנְז אוּן אִין אוּנְז.

וֶוען מִיר זֶענֶען גֶעוֶוען יוּנְגֶע קִינְדֶער זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען תְּמִימוּת'דִיג אוּן זִיךְ זִיךְ אוֹיפְגֶעפִירְט אָרְנְטְלִיךְ. צוּבִּיסְלֶעךְ הָאבְּן מִיר בַּאקוּמֶען אַלְץ מֶער שֵׂכֶל, אוּן מִיט דֶעם זֶענֶען אוֹיךְ גֶעוַואקְסְן דִי חָכְמוֹת, קוּשְׁיוֹת, אוּן צְעמִישֶׁענִישְׁן. הַיינְט, דַארְפְן מִיר זִיךְ קֶענֶען דֶערְקֶענֶען אִין אוּנְזֶערֶע הַנְהָגוֹת, וֶועלְכֶע עֶס קוּמֶען פוּן אוּנְזֶער אָרְט פוּן תְּמִימוּת, אוּן וֶועלְכֶע עֶס קוּמְט פוּן חָכְמוֹת; אוּן דַאן זֵיי אָפְטֵיילְן, אוּן זִיךְ אָפְּקֶערְן פוּן דִי חָכְמוֹת.

מִיר אַלֶע הָאבְּן חָכְמוֹת, אָבֶער מִיר דַארְפְן זִיךְ מִתְגַבֵּר זַיין אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְטְן נָאר מִיט דִי תְּמִימוּת'דִיגֶע וֶועגְן. דֶער רֶבִּי אִיז מְדַיֵיק, אַז דֶער תָּם אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין טִיפֵּשׁ גֶעוֶוען. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל. עֶר הָאט זִיךְ נָאר 'גֶעפִירְט' תְּמִימוּת'דִיג. ווייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט אִיבֶּער זִיךְ אוֹיפְפִירְן נַארִישׁ אוּן טוּן טִיפְּשׁוּת'דִיגֶע שְׁרִיט - מַמָּשׁ נִישְׁט. מֶען דַארְף זִיךְ נָאר אוֹיפְפִירְן תְּמִימוּת'דִיג: לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, זִיךְ מְחַזֵּק זַיין אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן גְלֵייבְּן מִיט אַ תְּמִימוּת אַז יֶעדֶע וָוארְט פוּן לֶערְנֶען אוּן דַאוְונֶען, אוּן יֶעדֶע פְרֵיילִיכֶע טֶענְצְל, אִיז גָאר גְרוֹיס בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן.



"זֵיי הָאבְּן זִיךְ בֵּיידֶע לִיבּ גֶעהַאט", דָאס מֵיינְט אַז דִי חָכְמָה אוּן תְּמִימוּת הַאלְטְן נִישְׁט מִלְחָמָה אֵיינֶער מִיטְן צְווייטְן. זֵיי קוּמֶען זִיךְ גוּט אוֹיס, אוּן דַוְוקָא וֶועגְן דֶעם דַארְף מֶען הַאלְטְן אַן אָפֶענֶע אוֹיג אוּן צוּלֵייגְן אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקֵייט אַז אוּנְזֶער הַנְהָגָה זָאל זִיךְ צוּפַּאסְן צוּ דִי וֶועגְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן תָּם, וָואס זַיין לֶעבְּן אִיז גֶעוֶוען אֱמֶת'דִיג אוּן גוּט.

דוּרְכְאוֹיס דִי מַעֲשֶׂה בַּאגֶעגֶענֶען מִיר דֶעם חָכָם קוּקְן דִי גַאנְצֶע צַייט 'וָואס גֵייט זַיין חָשׁוּב בַּיי מֶענְטְשְׁן'. זַיין דַאֲגָה אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִיבֶּער זַיין בַּאקְוֶועמְלִיכְקַייט אוּן הַצְלָחָה, נָאר אִיבֶּער וָואס מֶען וֶועט זָאגְן אוּן רֶעדְן אִיבֶּער אִים. עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט פַאר יֶענֶעם, אַנְשְׁטָאט צוּ לֶעבְּן זַיין אֵייגֶענֶע פֶּערְזֶענְלִיכֶע מוּצְלָח'דִיגֶע לֶעבְּן. דָאס אִיז גֶעוֶוען זַיין הוֹיפְּט גוֹרֵם אַז עֶר הָאט פִיל גֶעלִיטְן אוּן גֶעהַאט שְׁרֶעקְלִיכֶע בּוּשׁוֹת. יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן הָאט עֶר אַלֶעמֶען דֶערְצֵיילְט, אוּן עֶס אוֹיסְגֶעפוּיקְט אִין שְׁטָאט, אוּן זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט אִין לַאנְד, אוּן אַרוֹיסְגֶעבְּרֶענְגְט זַיין חֲשִׁיבוּת, וָואס דָאס הָאט אִים דַוְוקָא גֶעבְּרֶענְגְט טַעֲנוֹת אוּן בִּזְיוֹנוֹת, אַ גְרוֹיסֶע אָרִימְקַייט אוּן עֶלֶנְדְקַייט.

דַאגֶעגְן זַיין חָבֵר דֶער תָּם, וָואס הָאט גֶעלֶעבְּט זַיין פְּרִיוַואטֶע לֶעבְּן אוּן אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ מִיט זַיינֶע פְּשׁוּט'ע מַעֲשִׂים אוּן זַיין אָרִימֶע פַאךְ, הָאט גֶעוואוינְט אִין זַיין אֵייגֶענֶע הוֹיז, פוּל מִיט הֲנָאָה אוּן סִיפּוּק פוּן זַיינֶע פַּארְשְׁרִיט. עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס מֶען גֵייט זָאגְן אוֹיף אִים, אוּן עֶס אִיז אִים נִישְׁט אָנְגֶעגַאנְגֶען וָואס אַנְדֶערֶע הָאבְּן גֶעשֶׁפֶּעט פוּן אִים. עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעטִיגְט מִיט זַיין 'אוֹיסְוַואל' פוּן עֶסְן, אוּן זִיךְ גֶעקְלֵיידֶעט מִיט זַיינֶע 'סָארְט' קְלֵיידוּנְג. זַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען פוּל אוּן זַאט מִיט דֶעם וָואס יֶעדֶער

המשך אויף זייט 2